**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/16/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער קעטי האקול פייערט די פארענדיגונג פון 55-יוניט עפארדעבל האוזינג דעוועלאפמענט אין נאסאו קאונטי**

***ענערגיע-שפארנדע דעוועלאפמענט ברענגט אפארדעבל היימען צו לאנג אייסלענד'ס נארט שאור, ערגענצט גלען קאוו וואטערפראנט איבערראויפבלי***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די פארענדיגונג פון די גרין אויף גארוויס פוינט, ניי-געבויטע ארבעטסקראפט האוזינג דעוועלאפמענט אפפערנדיג 55 צוגענגיכע דירות אין גלען קאוו אויף לאנג איילענד'ס נארט שאור. די דעוועלאפמענט איז א טייל פון די סיטי פון גלען קאוו'ס איבערראויפבלי פרואוו וואס טוט טראנספארמירן איר וואסער ברעג פאר א לעבעדיגע, נייע, געמישטע-באנוץ פלאץ

"דורך די דעוועלאפמענט, טוען מיר שאפן מער צוגענגליכע, זיכערע האוזינג פאר ניו יארקער אויף לאנג איילענד," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פארענדיגונג פון די גרין ביי גארוויס פוינט טוט נישט נאר פארזכערן אז צענדליגע ניו יארקער וועלן האבן א מאדערנע, ענערגיע-טיכטיגע פלאץ צו רופן זייער היים, נאר עס שטיצט די טראנספארמירונג פון גלען קאוו'ס אומבאנוצטע וואסער ברעג, ברענגנדיג שטארק-נויטיגע ארבעטסקראפט האוזינג צו נאסאו קאונטי."

אין די לעצטע פינף יאר האט די ניו יארק סטעיט האומס און די קאמיוניטי ריניועל געשאפן אדער פרעזערווירט 1,200 עפארדעבל דירות אין לאנג איילענד. די גרין ביי גארוויס פוינט טוט ווייטער טראגן די באמיאונג און ערגענצט די גאווערנער'ס 25 ביליאן פולשטענדיגע הויזונג פלאן וואס וועט מאכן אדער אפהיטן 100,000 אפארדעבל היימען איבער ניו יארק אריינרעכענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר עמפינדליכע באפעלקערונגען, אין צוגאב צו די עלעקטריפיקאציע פון נאך 50,000 היימען.

די גרין ביי גארוויס פוינט איז געווארן געוועלאפט דורך דזשארדזשיקא גרין ווענטורעס, Georgica ) LLC Green Ventures, LLC) און באשטייט פון צוויי ניי-געבויטע פיר-שטאקיגע געביידעס ענטהאלטנדיג א סומע פון פיר סטודיא דירות, 16 איין-בעדרום דירות, 29 צוויי-בעדרום און זעקס דריי-בעדרום דירות.אלע דירות זענען עפארדעבל פאר משפחות מיט איינקונפט מיט ווייניגער אדער 100 פערצענט פון די עריע מידיען אינקאם.

די קאמפלעקס איז אויסגעשטעלט און געבויעט געווארן צו זיין ענערגיע-שפארזאם און קומט נאך די קריטעריע פאר ענטערפרייז גרין געמיינדעס און US גרין בילדינג קאנסול LEED סילווער באשטעטיגונג. רעזידענשל איינריכטונגען נעמען אריין א גימנאזיום, א קינדער שפיל שטוב, פארברענג פלעצער, ביציקל סטארעדזש, לאנדרי פאציליטעטן, און פארקינג אויפן ארט.

די פארענדיגונג פון די גרין ביי גארוויס פוינט טוט ביישטייערן צו די סיטי פון גלען קאוו'ס פרואוון צו ווידער אויפלעבן איר אומבאנוצטע וואסער ברעג דורך די שאפונג פון נייע האוזינג, אויספארקויף, און פארווייַלונג

פלעצער, בשעת'ן בלייבן ביישטענדיג מיט די ביסטארישע כאראכקטער פון די וואסער ברעג שכינות.די געגנט וואס נעמט ארום די גרין נעמט אריין א דרויסנדיגע טעאטער, רעסטוראנטן, און פארוויילונג פלעצער וואס זענען געבויט געווארן אלס טייל פון א ברייטערע ווידער אויפבוי באמיאונג.

סטעיט פינאנצירונג פאר די $32 מיליאן דעוועלאפמענט נעמט אריין $13.4 מיליאן אין פעדעראלע און סטעיט נידריגע איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס און $7.7 מיליאן און סובסידי פון HCR. נאסאו קאונטי האט צוגעשטעלט $900,000 אין HOME פאנדן. נאך פינאנצירונג איז געווארן צוגעשטלעט דורך בערינגס.

**היימען און געמיינדע רעניועל קאמישינאר רוטען וויסנאוסקעס זאגט,** "די פארענדיגונג פון די גרין ביי גארוויס פוינט איז דערפרייענד נישט נאר פאר די 55 אינדיווידואלן און פאמיליעס וואס וועלן רופט די דעוועלאפמענט זייער היים, נאר פאר יעדן וואס וועט בענעפיטירן פון די ווייטערדיגע טראנספארמירונג פון גלען קאוו'ס וואסער ברעג. דורך שאפן נייע, צוגענגליכע היימען אויף לאנג איילענד'ס נארט שאור, טוען מיר פארמערן האוזינג סופליי און ארויסהייבן די סארט פון איינעמבארע, געזונטע געמיינדעס וואס האלטן אויף בליענדע לאקאלע עקאנאמיעס פאר יארן. א דאנק צו אונזערע שותפים ביי דזשיארדזשיקא גרין ווענטורס, בערינגס, און נאסאו קאונטי פאר זייערע יארן פון פארפליכטונג צו די געמיינדע טוישנדע דעוועלאפמענט."

**דזשיארדזשיקא גרין פרעזידענט דעיוויד גאללא זאגט,** "מיר זענען צופרידן צו צושטעלן די הערליכע צוגענגליכע האוזינג צו די געמיינדע פון גלען קאוו, און צו זיין א טייל פון די אומגלויבליכע געבורט פון גארוויס פוינט. מיר זענען שטאלץ זיך צו פארן מיט ניו יארק סטעיט היימען און געמיינדע רעניועל, סיטי פון גלען קאוו און RXR אויף די גרין ביי גארוויס פוינט."

**אסעמבלימעמבער טשארלס לעווין זאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער האקול און איר שטאב'ס באמיאונגען אין אידענטיפיצירן און שאפן צוגענגליכע האוזינג אפציעס פאר וואקסנדע פאמיליעס אין די סטעיט פון ניו יארק און די סיטי פון גלען קאוו. מיר אלע ווייסן ווי קנאפ האוזינג איז און איך בין שטאלץ צו ארבעטן מיט אן אדמיניסטראציע וואס פארשטייט און פריאריטיזירט שטארק נויטיגע רעזידענשל געלעגנהייטן פאר מיינע וויילער."

**נאסאו קאונטי לעגיסלאטור דעליע דעריגי-וויטאן זאגט,** "אלס א מאמע פון דריי יונגע ערוואקסענע טעכטער, איז די פראגע וואס איך טוה הערן אזוי: 'וואס טוען מיר צו שאפן מער האוזינג אפציעס פאר יונגע מענטשן?' איך בין שטאלץ צו זאגט אז די פראיעקט אין גלען קאוו איז א פערפעקטע ביישפיל פון וויאזוי מיר קענען אדרעסירן די קריטישע ראיאנאלע אישו. איך בלייב האפן אז עס קען סערווירן אלס א בלופרינט פאר צוקונפטיגע פרואוון צו דיווערציפירן און אויסברייטערן לאקאלע האוזינג אפציעס."

**סיטי פון גלען קאוו מעיאר פאמעלא פאנצענבעק זאגט,** "איך בין צופרידן צו מעלדן אז היינט איז די באנד-שניידן פאר די דזשיארדזשיקא גרין ווענטורס האוזינג קאמפלעקס וואס באשטייט פון 55 ארבעטסקראפט דירות. טענענס וועלן האבן איינריכטונגען וואס נעמען אריין לאנדרי שטובער, קינדער שפיל שטיבער, געמנאזיום, געמיינדע צימער, און פארקינג אויפן פלאץ. זיי וועלן אויך קענען הנאה האבן פון פאבליק פלעצער מיט וואסער ברעג צוטריט אפאר טריט פון די פארנט טיר."

**סיטי פון גלען קאוו סעניאר סיטי קאנסולמעמבער מארשא סילווערמאן זאגט,** "א דאנק גאווערנער האקול און קאמישינאר וויסנאוסקעס, פארן צושטעלן סטעיט פינאנצירונג פאר די 32 מיליאן דעוועלאפמענט דא און אונזער שטאט. די פרואוון וועלן העלפן אדרעסירן די דרויסנדיגע אימיגראציע קריזיס וואס מיר זעהן יעצט מיט אונזערע עלטערע און יונגע ערוואקסענע דא אויף לאנג איילענד. די

פראיעקט איז אין אילוסטראציע פון סטעיט און לאקאלע רעגירונג זיך פארנדיג מיט די פריוואטע סעקטאר צו ערמעגליכן קריטיש נויטיגע צוגענגליכע האוזינג."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418